# שיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

**פרשת נח משנת תשפ"ג לפ"ק**

### בשבע ברכות בת הר"ר יוסף באדאנסקי הי"ו
### בשילוב עם חנוכת הבית לביתו החדש

מוצאי שבת קודש פרשת נח תשפ"ג לפ"ק

**מען** זיצט דא ביי א חנוכת הבית, און ביי א סעודת שבע ברכות וואס איז אויך א חנוכת הבית, מען איז מחנך א נייע שטוב, א נייע הויז, עס איז א חנוכה פון צוויי הייזער. מען לערנט יעצט ביי אונז מסכת יבמות (במסגרת חבורות ובהם נהגה). אין די גמרא (מד.) שטייט בית אחד הוא בונה ואין בונה שני בתים. אבער די צוויי בתים קען מען יא בונה זיין אין די זעלבע צייט.

**מען** זעהט די וואך אין די פרשה אז פון א גאנצע דור המבול איז געבליבן איין נח מיט זיין משפחה. דאס איז טייטש, אז נח האט געהאט דעם כח זיך אקעגן צו שטעלן אקעגן די גאנצע וועלט. און עס איז אנגעגאנגען הונדערט און צוואנציג יאר וואס ער האט געבויט די תיבה, און קיינער האט נישט תשובה געטון, אלע זענען געשטארבן אינעם מבול, און נאר נח מיט זיין שטוב זענען געבליבן.

**די** שאלה שטעלט זיך, וויאזוי האט נח עס געקענט מאכן ווי אזוי קען זיין א דור המבול, כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ (בראשית ו-יב), און מען זעהט אז מען בויט א תיבה, און ניטאמאל האט עס געגעבן ביי זיי א ריר, אז איין מענטש זאל זיך טוישן, און ער זאל תשובה טון. עס איז נישט געבליבן אין די תיבה נאר נח מיט זיינע קינדער. און נח האט געהאט דעם כח אז ער האט געקענט אויפשטעלן אזא שטוב.

**נח'ס** ווייב האט געהייסן נעמה, אזוי שטייט אין רש"י (בראשית ד כב). ואחות תובל קין נעמה, היא אשתו של נח. לויט דעם פשט אין רש"י קומט אויס, אז נח איז געווען א איידעם ביי למך, למך איז געווען דער טאטע פון תובל קין און נעמה. אין מדרש איז דא א צווייטע דיעה, אז נח איז געווען אן איידעם ביי חנוך. חנוך איז געווען א געוואלדיגער צדיק, כי לקח אותו אלקים (בראשית ה-כד), עס איז נישט געווען נאך אזא זאך, אז א בשר ודם זאל ארויפגיין אויבן אין הימל און ווערן א מלאך. אין תוספות (יבמות טז:) שטייט אז ער איז דער מלאך מט"ט, ער איז דער מלאך וואס איז דער שר העולם, די שר פון די וועלט.

**קומט** אויס, אז די שענסטע שטוב וואס איז געווען דעמאלטס ביים דור המבול איז געווען ביי חנוך. ביי חנוך איז געווען כי לקח אותו אלקים, און נח איז געווען אן איידעם ביי דעם חנוך. דאס איז טייטש אז נעמה, זיין ווייב, איז געווען חנוך'ס טאכטער.

**ווען** א איד איז אזא צדיק ווי נח, איש צדיק תמים היה בדורותיו. און ער האט חתונה מיט א פרוי

וואס קומט ארויס פון חנוך'ס שטוב, איז נישט קיין שום חידוש אז מען שטעלט אויף אזא שטוב. ווייל דארט ווי דער טאטע איז ערליך, און די קינדער קוקן צוריק אויף די משפחה, וואס מען האט אלץ געזעהן. ווען מען האט געזעהן דעם טאטען האט מען געזעהן ווי ער לערנט, ווען מען האט געזעהן דעם זיידן חנוך, האט מען געזעהן א מלאך אלקים, קען זיין א גאנצע דור המבול, און עס קען זיין א דור וואס יעדער גייט אויפן שלעכטן וועג, אבער נח איז געוועהן א סעמפל פאר די שטוב, פאר די קינדער, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. מען האט געזעהן די מאמע וואס זי איז נתחנך געווארן אין חנוך'ס שטוב זי איז געווען א צדיקת, מען האט געזעהן ווי אז,וי דער זיידע פירט זיך, דאס האט זיי געגעבן דעם כח אז זיי זאלן קענען עומד זיין ביים דור המבול. וועגן דעם האט נח געקענט פירן אזא שטוב אז זיי זאלען ניצול ווערן.

*

**ווען** נח ער איז ארויסגעקומען פון די תיבה, זאגט די תורה, (בראשית ט-כ) ויחל נח איש האדמה ויטע כרם, די ערשטע זאך וואס ער האט געטון איז געווען, ער האט איינגעפלאנצט א כרם. חז"ל (ב"ר לו-ג) רעדן זיך אפ אויף אים, אז עס וואלט נישט געדארפט זיין די ערשטע זאך צו מאכן א כרם, און טרינקען וויין, ער איז געווען א איש צדיק, און ער איז געווארן א איש האדמה.

**איך** האב געקלערט, נח איז נישט געווען קיין קטלא קניא, איש צדיק תמים היה בדורותיו. וואס איז געווען די חשבון פון נח אז די ערשטע זאך וואס ער גייט טון, גייט ער מאכן א כרם, עס איז געווען א ליידיגע וועלט, עס איז גארנישט געווען, און מען דארף אלעס אנהייבן פון א', און די ערשטע זאך גייט ער פלאנצן א כרם.

**ביי** א שידוך זאגט מען ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל (פסחים מט.). ווען מען וויל זאגן אויף א שידוך אז עס איז פאסיג, זאגט מען, דאס איז טרויבן פון גפן, און דאס איז טרויבן פון גפן, עס איז א סע"ט וואס עס פארט זיך איינס צום אנדערן. צוויי עפלעך פארן זיך אויף צוזאמען, און צוויי בארן אויך, וואס איז דער ענבי הגפן בענבי הגפן אז מען זאגט אז דאס איז א דבר נאה ומתקבל ווי טרויבן.

**די** משנה (תענית כו:) זאגט, לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב וכיום הכפורים, וואס בנות ירושלים יוצאות וחולות בכרמים, זיי זענען ארויסגעגאנגען אין די וויין גערטנער און דארט האט מען זיך געטראפן, און מען האט געענדיגט שידוכים. און זיי האבן געזאגט, בחור שא נא עיניך וראה מה אתה בורר לך, הייב דיר אויף די אויגן, און קוק וואס דו דארפסט אויסקלויבן, אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה, קוק וואס די משפחה איז. שא נא עיניך? הייב אויף דיינע אויגן? פאר א בחור זאגט מען ער זאל אראפלייגן די אויגן, נישט שא עיניך. וואס איז דער שא נא עיניך וראה מה אתה בורר לך, אל תתן עיניך בנוי, תן עיניך במשפחה.

**כרם** איז א וויין גארטן. און עס שטייט אין חז"ל (חולין צב.) ישראל נמשלו לגפן, יודן זענען צוגעגליכן צו א וויינשטאק. וואס ליגט אין דעם גפן, אז יודן זענען נמשלו לגפן? שטייט אין מדרש (שמות רבה פר' כי תשא). אז ביי א גפן איז החיים נשענים על המתים, יעדער בוים קען שטיין פון זיך אליין, א וויינשטאק קען נישט שטיין פון זיך אליין, מען דארף נעמען א טויטן האלץ, און מען לייגט עס אריין אין דער ערד, און אויף דעם ציט מען ארויף די לעבעדיגע האלץ, און זיי זענען נשען אויף די מתים. אף ישראל זענען נשענים על המתים. די כח פון יודן איז, אז אונז האב מיר אונזערע עלטערן, אונזערע זיידעס, וואס זיי זענען מגין אויפן כלל ישראל.

**אבער** דער פשט פון דעם איז אנדערש, כלל ישראל קוקט אייביג ארויף אויף די עלטערן, מען וויל זיך צוגלייכן אונז זאל מיר זיין אזוי ווי דער טאטע איז געווען, אזוי ווי דער זיידען, און דער עלטער זיידע. שמע בני מוסר אביך ואל תטוש תורת אמך, מען גייט נישט אוועק פון וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן, און פון דעם האלט זיך כלל ישראל. ווען עס ווערט געבוירן א קינד,

גיט מען א נאמען נאכן טאטען נאכן זיידן, פארוואס כדי מען זאל געדענקען וועמענס קינד מען איז, ווער איז געווען דיין טאטע, ווער איז געווען דיין זיידע, ווער איז געווען דיין עלטער זיידע, און אזוי ווייטער, און אויף דעם וועג איז מען מחנך די קינדער.

**א** כרם איז החיים נשענים על המתים, די לעבעדיגע טרויבן וואקסן אויף די טויטע העלצער וואס מען לייגט אריין. דאס לערנט אונז, אז ביי טון א שידוך, דארף מען קוקן אויף די דורות פון וואס מען קומט, ווער איז געווען דער טאטע, ווער איז געווען דער זיידע, ווער איז געווען דער עלטער זיידע, און וואס פאר א שטוב איז מען נתחנך געווארן. דער חתן קוקט אויף די משפחה פון די כלה, און די כלה קוקט אויף די משפחה פונעם חתן. עס איז נישט גענוג אז די צוויי זענען פאסיג איינס פאר די אנדערע, מען מוז זעהן, אז ווען מען וועט צוריק קוקן אויף די פריער'דיגע דורות, זאל עס אויך פאסן איינס צו דאס אנדערע. אזוי ווי א כרם איז החיים נשענים על המתים, אזוי אויך ווען מען טוט א שידוך, דארף מען צוריק קוקן אויף די משפחה ווער עס איז געווען.

**די** בנות ירושלים זענען יוצאות וחולות בכרמים, און מען האט געזאגט פאר דעם בחור, בחור! שא נא עיניך, דו ביסט אין א כרם, הייב אויף דיינע אויגן קוק ווי אזוי דער כרם וואקסט, וועסטו זעהן החיים נשענים על המתים, עס זענען דא טויטע העלצער, און אויף דעם ווערט ארויפגעצויגן די כרם. דאס קומט צו לערנען, אז אזוי דארף מען זיך פירן. אונז דארף מיר גיין אויף דעם דרך פון די פריער'דיגע אבות. אל תתן עיניך בנוי, קוק נישט אויף קיין אנדערע זאכן, תן עיניך במשפחה, קוק אויף דעם כרם וואס א כרם איז החיים נשענים על המתים וועסטו זיך אפלערנען צו געבן דיינע אויגן במשפחה, ווען דעם זאגט מען אויף א שיינעם שידוך, עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן, עס איז אזוי ווי טרויבן, עס איז חיים נשענים על המתים, און דאס איז א דבר נאה ומתקבל אזא שידוך איז מתקבל.

**אין** נח'ס צייטן האט עס געהאט נאך א פשט אויך. די גאנצע וועלט איז אויסגעשטארבן, ווייל מען האט זיך נישט געפירט אויפן ריכטיגן וועג. נח האט נישט געדארפט זאגן קיין מוסר פאר די קינדער אז מען זאל זיך פירן אויפן ריכטיגן וועג, ער האט נאר אזויפיל געדארפט זאגן, קוק וואס איז געשעהן מיטן דור המבול, פון אזא פיינע וועלט איז געווארן א מדבר שממה, פארוואס? ווייל מען האט זיך נישט אויפגעפירט ווי עס דארף צו זיין. דאס האט געוויזן דער וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**נח** האט געוואלט אויסלערנען די קינדער, אז מען דארף גיין אויפן פריער'דיגן וועג, און זיך נישט אפלערנען פון ווי אזוי מען פירט זיך היינט, איז ער געגאנגען און די ערשטע זאך ויטע כרם, ער גייט איינפלאנצן א כרם וואס החיים נשענים על המתים, קוק וואס איז געשעהן מיט די מתים פון די זייט, און קוק אויף נח מיט זיינע קינדער פון די זייט, מיט דאס האט ער געוויזן דעם וועג ווען מען הייבט אן א נייע לעבן נאך א מבול, זאל מען וויסן ווי אזוי מען דארף זיך פירן.